דוד בײַגעלסטײן אין שפּאָן (ווילנע) נומ' 1 (1926)

ד. ב.

# דריי צענטרען

(כאַראַקטעריסטיק)

I

דער אַמעריקאַנישער יידישער צענטער:

עקאָנאָמיש געפינט ער זיך אין בעסערע באַדינגונגען איידער אַלע אַנדערע יידישע צענטרען.

זיין גייסטיקער מהות: — אַ רעצידיוו פון דעם אַלטן ספּעציפיש־יידישן מעות. זיין גרויסבורזשואַזער און קליינבירגערלעכער טייל, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַלרייטניק", זוכן איצט איבער דאָס סאַמע פּרוכטלאָזע און כאָטש קאָמישע בלעטל פון דער יידישער געשיכטע:

זיי ווילן זיך אַסימילירן און קאָנען ניט.

שוין צום וויפלטן מאָל?

אַזעלכע ניט געלונגענע פּרוון קאָן מען אין דער יידישער געשיכטע אַנצײלן יעדנפאַלס ניט ווייניקער איידער די פּרוון זיך אויסצוקערן אין אַלטן לאַנד כנען.

יידן האָבן געוואָלט זיך אַסימילירן מיט אַראַמער, מיט אַראַבער, מיט שפּאַניער, מיט איטאַליענער, מיט דייטשן, מיט רוסן, מיט פּוילן, און מיט וועמען ניט?

אין יעדן לאַנד פון זייער נייער אייטוואַנדערונג האָבן די פאַרמעגלעכע יידישע שיכטן דערפילט, אַז עס לוינט פאַר זיי צו פאַרשטאַרקן זייער מאַיליטאַנד איפן חשבון פון „אוטרוווהדיקע" נאַציאָנאַלע פּרעטענזיעס. און אין יעדן נייעם לאַנד האָבן זיי איבעראַניים אָנגעהויבן צו גלויבן: דאָ וועט פּאַרקומען די „באַפרייונג" און די „אייגלייכונג".

און ניט נאָר אין די לענדער פון נייער אייטוואַנדערונג — אויך אַלט־איינגעזעסענע פּלעצער, ביי יעדער נייעם פּראָגרעסיוון קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג האָבן די פאַרמעגלעכע יידישע שיכטן גלייך באַנייט סי זייערע איינגעשלאָפענע אַסימילאַציע־טענדענצן, סי זייער גלויבן אין דער מאָגנער גזרה־שווה, אַז אויב אַ רעוואָלוציע קאָן

טעאַטער, קונסט און מוזיק



אַנדערע געבן די מעגלעכקייט צו ווערן צדיק אַ פאָלק, פאַרוואָס־זשע זאָל זי אויך ניט קאָנען געבן יידן די מעגלעכקייט צו ווערן אויס פאָלק?...

און אומעטום, ביי יעדן נייעם פּרוו האָבן זיי תמיד גלייך אָנגעטאַפּט דעם הויפּט־נערוו פון אַסימילאַציע — די שפּראַך פון יענע, און וועמענס נייעם מאָגן זיי ווילן זיך אַריינוואַרפן, פילנדיק דערביי, אַז אויב שמד־טאָטע טויפט בלויז דעם קערפּער, טויפט די שפּראַך אויך די נשמה..

די טענדענץ אָפּצושמדן די נשמה דורך דער פרעמדער שפּראַך, וואָס איז דער אויסדרוק פון דער פרעמדער נשמה, איז ביי די פאַרמעגלעכע יידישע שיכטן אָפּטמאָל געווען אַ גאַנץ בולטע. זיי האָבן אָבער תמיד געוואָלט מיטשלעפּן מיט זיך די אָרעמע יידישע מאַסן, און אַראָנק די אָרעמע מאַסן האָט זיך תמיד באַקומען דער זעלבער „פאַרקערט": אַני־שטאָט צו ברענגען זייער באַזונדער אָרגאַנישקייט צו דער פרעמדער שפּראַך, האָבן די ניט פאַראינטערעסירטע מאַסן אין פאַרלויף פון יאָרן בלויז צו־געפּאַסט די פרעמדע שפּראַך צו זייער אייגנלעכער אָרגאַנישקייט. און רעזולטאַט האָבן מיר באַקומען:

אַן אַראַמיש יידיש, וואָס איז ענלעך צום אמתן אַראַמיש פּונקט אַזוי ווייניק ווי שפּאַניאָל צו שפּאַניש און אַן אַראַביש יידיש, וואָס דער דע־מאָלטיקער אַראַבער האָט אים פאַרשטאַנען ניט מער, איידער דער דייטש פאַרשטייט איצט יידיש. איצט גייט דער זעלבער פּראָצעס אין אַמעריקע. די אַסימילאַציע־טענדענץ פונם דאָרטיקן יידישן „אַלרייטניק" הייבט אָן, לויט די כללים פון דער יידישער געשיכטע, פירן די יידישע מאַסן צו אַ נייעם ענגלישן יידיש. מיט דעם הייבט דאָרט אָן צו קעמפן דער מער באַוואוסט־זיניקער יידישער אַרבעטער, וועלכער איז גאַנץ צופרידן מיט יידיש, וואָס איז אים ליב, באַקוועם און אייגן—יענער באַוואוסטזיניקער יידישער אַרבע־טער, וועלכער גלויבט ניט אין די פּריווילעגיעס פון אַסימילאַציע, ניישקט זיך ניט אין זי און האָט ניט סי קיין צייט צו פאַרלירן אין־פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן אַטמיסטיקע ענערגיע, סי קיין לוסט ניט צו פאַרוואַנדלען זיך צוזאַמען מיט עטלעכע קומענדיקע דורות אין אַ שאַפּונגסלאָזן אימפּאָטענטן פּנים־פּה. ער קעמפט מיט דער הילף פון זיין יידישער שול; ער קעמפט מיט דעם וואָס ער און זיין הויזגעזינט לעבן זיך אויס אין דער יידישער שפּראַך.

אָט דער יידישער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער איז אונזער איינציקער פאַרבינדעטער אין אַמעריקע. זיין קאַמף איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. ער הענגט אָפּ פון דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער אַרבעט, וואָס ווערט

דאָרט געפֿירט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן אויף אַרויסצושלעפּן זיי פֿון אונטער דעם „אַלרייטניקס" ווירקונג. זײַן דערפֿאָלג הענגט אָבער אין אַ געוויסער מאָס אָפּ אויך פֿון אונז — פֿון דעם ייִדישן קולטורעלן פּראָוויאַנט, וואָס מען וועט אים אין פֿאַרלויף פֿון זײַן שווערן קאַמף צושטעלן פֿון אַנדערע ייִדישע צענטערן. אויף וויפֿל דער צוגעשטעלטער קולטורעלער באַנאַזש וועט זײַן רײַכער און מער צוגעפּאַסט צו די באַדערפֿענישן פֿונם אַלגעמיינעם מאָדערנעם אַרבעטער-לעבן, אויף אַזוי פֿיל וועט דעם באַוואוסטזיניקן ייִדישן אַרבעטער אין אַמעריקע זײַן גרינגער צו פֿאַרגרעסערן אַרום זיך די באַזע און צו באַקעמפֿן די אײַנגעזונקענע אַסימילאַציע-טענדענצן פֿון דער אָרטיקער פֿאַרמעגלעכער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

ייִדיש, ייִדישע קולטור, ייִדישע קונסט איז אַזוי אַרום אויך אין אַמעריקע ניט קיין פּראָדוקט פֿון הײַנטיקן נאַציאָנאַליזם.

ייִדישע קולטור אין אַמעריקע — דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס, ווי אומעטום, ייִדישער בירגער-קריג. ייִדיש איז געבוירן געוואָרן דעמאָלט, ווען איבער די קעפּ פֿון ייִדישע פּראָדוקטיווע מאַסן האָט זיך צעריסן דאָס זײַדנס פֿון דער געאײַניקטער נאַציאָנאַלער חופּה, און פֿאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ברייטער, טיפֿער, דורכזיכטיקער און אַלמענטשלעכער הימל.

די דערגרייכונגען אין דער ייִדישער שפּראַך — דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון דעם ווידערשטאַנד וואָס דער ייִדישער האַרעפּאַשניק האָט געגעבן זײַן פֿאַרמעגלעכן ייִדישן שכן, און וועמענס שטרעבונגען ער איז ניט פֿאַראינטערעסירט.

II

דער ייִדישער צענטער אין פּוילן — אַ צענטער, וועלכער האָט זיך נאָך-וואָס איבערגעלעבט, אַז עקאָנאָמישע הינגערונג איז ניט געבונדן אויסשליסלעך מיט בירגער-קריג אָדער מיט סאָציאַלער רעוואָלוציע. וואָס פֿאַר אַ קאָנסעקווענצן ער וועט פֿון דער דאָזיקער איבערצײַטונג ציִען, איז דערווײַל נאָך שווער צו זאָגן. ער מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַן אומגליקלעך-גרויסער „אסיפֿה", אויף וועלכער אַלע פֿיר מיליאָן פּוילישע ייִדן קריגן זיך, און קיינעם, אויסער זייער אַ קליינעם טייל איז נאָך דערווײַל ניט קלאָר, וואָס ער וויל. ער איז פֿול מיט מיש-מאַש, מיט טומל, מיט האַרצרײַסנדיקן הוי-געשריי פֿון אַרבעטלאָזע און מיט ציוניזם, וועלכער איז דורכגעדרונגען



מיט „כּיתּודגישן ביטול" צו דער אָרטיקער אומקומעניש און ווײַזט אַרויס צו אים אינטערעס נאָר אויף אַוויפֿל, אויף וויפֿל מען קען עס אויסנוצן פֿאַר פּאַלעסטינע.

ווען מען צעגלידערט דעם ייִדישן צענטער אין פּוילן, ווי אַ קולטור-שאַפֿנדיקן, באַקומט זיך דאָך אַ בילד, וואָס איז מער אָדער ווייניקער קלאָר:

פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די נאַציאָנאַל-קולטורעלע רעכט פֿירט דאָרט אַ קאַמף בלויז די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט צוזאַמען מיט יענער אינטעליגענץ, וועלכע באַהעפֿט זיך צו איר פּאָליטיש אָדער אידעיש. די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט איז דערצו נאָך צעריסן צווישן זיך; דער שטאַרק פֿאַרשפּרייטער ציוניזם טיילט זי אָפּ מיט אַלץ העבעריש און העבעריש וועגט פֿון די אַרומיקע אָרעמע שיכטן און לאָזט צו איר ניט צו קיין נײַע קאַדרען. פֿאַרשיידענע תּלמוד-תּורות און „תּרבות" שלעפּן די אָרעמע און מיטעלע שיכטן צוריק צום פֿאַרג מיני און שטערן דעם קאַמף מיט דער אָרטיקער מאַכט און מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג, וואָס קאָן ווי אָרגאַניש קיין ייִדישע נאַציאָנאַל-קולטורעלע רעכט ניט איבערטראָגן.

אמת, די אַסימילאַציע-טענדענצן בײַ דער קליין-בירגערלעכער מאַסע האָבן נאָך ניט באַקומען דעם פֿאַרמיטן אויסדרוק, וואָס בײַם אַמעריקאַנער „אַלרייטניק" — די גרויסע מערהייט פֿון דער דעקלאַסירטער ייִדישער באַפֿעלקערונג רעדט ייִדיש. אָבער דווקא דאָס פּרוסטלאָזע ייִדיש ריידן פֿון אָט דער קאָנסערוואַטיווער אָרטאָדאָקסאַלער און האַלב-אָרטאָדאָקסאַלער מאַסע דעמאָנסטרירט דעם באַנקראָט פֿון דעם סענטימענטאַלן ייִדישיזם, וועלכער האָט געוואָלט וועגן די צווייטע „ווידנע חופּה" אויף די קעפּ פֿון כּלל-ישׂראל. מיט איר ייִדיש ריידן איז די דאָזיקע מאַסע ווײַט ניט אײַסן די צוועקן פֿון מאָדערנער ייִדישער קולטור. זי צילט מיט דעם אין דער קעגנאיבערדיקער זײַט, אָדער זי צילט בכלל ניט אין קיין זײַט. זי איז מערסטנטייל קאָנסערוואַטיוו-רעליגיעז. אַלס פֿאַרמיטלערישער פֿאַראורטיילטער עלעמענט איז זי שוין במילא פֿאַראורטיילט, ווי אַ קולטור-שאַפֿנדיקער פֿאַקטאָר סײַ אין אַלמענטשלעכן סײַ אין איר אייגענעם לעבן. קיין צווייטע חסידישע עפּאָכע דאַרף מען ניט און זי וועט שוין מער ניט שאַפֿן. לויט איר קאָנסערוואַטיווער אָפּגעשטאַנענקייט וועט זי זיך פֿאַר דער נײַער ייִדישער קולטור ניט אײַנשטעלן און וועט זי אין קיין פֿאַל ניט פֿאַרטיידיקן. און אַפֿילו ווען זי זאָל זי יאָ פּלוצים וועלן פֿאַרטיידיקן, באַשטייט זי אָבער אין איר גרעסטן

טייל פון אטאראקטיווע עלעמענטן, וועלכע העלן צו יעדער צייט פון
ערנסטן קאמף קיין שום פאליטישע קראפט מיט זיך ניט פארשטעלן. די
יידישע ווערטער, מיט וועלכע די דאזיקע מאסע רעדט, זיינען דעריבער
פונקט אזוי אטטראקטיוו, ווי זיי אליין, און נוצן, ווי איינעדראשן שטרוי,
בלויז פאר די געלע בירגערלעכע יידישע צייטונגען, וועלכע זיי לייענען;
זיי זיינען ניט מער, ווי דער „ליבער לעזער" פון אט דעם יידישן צייטונגס-מיסט
און שטעלן מיט זיך פאר די פארבלענדזשעניש פונם יידישן שרייבער, זיין
פאלשע האפענונג, אז אויב זיי שלינגען מיט אזא גיריקייט די געלע יידישע
פרעסע, וועלן זיי סוף-כל-סוף אויך אנהייבן צו לייענען א קינסטלעריש
בוך. דאס בוך, וואס פאלט זעלטן אריין צו זיי אין הויז, מוז אבער ניט
זיין געבונדן מיט מאדערנעם מענטשלעכן ·אינהאלט און ניט טראגן אין
זיך קיין נייע קינסטלערישע פארמען. ווי צוזאמענגערעדט, פארעקשנט און
אן לשון שטעלן זיי דעם יידישן בוך אט דעם תנאי. און אויב אפילו א
יידיש בוך איז פאר זיי צוגענגלעך, איז, למשל, שלום אש „קידוש-
השם" אדער אפאטאשום „פוילישע וועלדער" פאלט שוין אריין צו זיי
אין הויז, ווערן דארט אט די ביכער ניט קיין ציגל אינם בנין, וועלכע
עס מויערט די יידישע קולטור, נאר אן אפגעבאזונדערטער ציגל — א ציגל
אויף אזעקצושטעלן לעבן אויוון א טעפל... דאס יידישע בוך דערהויבט זיי
ניט, עס רייניקט זיי ניט, עס דרינגט ניט אריין צו זייערע קינדער אין דער
שול, עס שאפט ניט קיין שום טראדיציעס און עס לאזט ניט קיין שום
שפורן אין זייער טאג-טעגלעכן ·טערטנס אומפראדוקטיוון לעבן. ווייל זיי
פירן ניט קיין חשבון פון אונזער קולטורעלן פארטעגן און ציען ניט איר
קיט, ווי דאס טוט די יידישע ארבעטערשאפט צוזאמען מיט איר אינ-
טעליגענץ. ווי א גרויע אינטאניקע און קרעמעריש-אינהיימלעכע מאסע,
שטעלן זיי שוין מער ניט פאר אפילו קיין שטאף פאר דעם יידישן לי-
טעראטן טיטשאפונג אין דער יידישער ליטעראטור. זיי זיינען א גרויע
האבעריקע פאן, געפינטלט מיט אנגעצונדענע גראשן-ליכטלעך פון איבער-
געהעכטע שבתים און איבגעוועבטע יום-טובים. אנדייבן העלן זיי צו דער-
ציילן, הייסט אנהייבן נאך אמאל פון „אמאל איז געווען א רב מיט א
רביצין", זיך אומקערן צו איבגעוועבטן קלעריקאליזם, צו גייסטלעכן און
מאטעריעלן קבצניש, זיך איזאלירן פון דעם מאדערנעם אלמענטשלעכן גע-
דאנק און זייער פארנאכלעסיקט-מיטלעלטעריש „שטיבלדיקן" לעבן ווערט דער-
טרונקען דער מיטגעשלעפטער הארעפאשניק און ·בעל-מלאכה, און דאס



קליינע הויפעלע יידישע ערד-ארבעטער און פויערים גיסט זיך צונויף מיט
דער גרויקייט פון זייער לעבנס-שטייגער; זיי ווערן פארשוואונדן אונטער
דעם אלגעמיינעם געלן געלאטעטן טלית פון קבצנישער „גוט-יידישקייט"
און דערלעבן זיך ניט צו אנטוויקלען צו א נייעם קלאס. און זייער פרוכט-
לאזער סביבה שעפן זיך זייער גיך אויס און ווערן איינגעראמט אזעלכע קרעפ-
טיקע טאלאנטן, ווי ווייסענבערג, און פאר אזעלכע מערקווירדיקע טאלאנטן,
ווי שלום אש, בלייבט אדער אייביק איבערקייען זיך אליין, אדער זיך
קערן מיטן פנים צו אזא לעבן, וואס איז פרעמד זיינע קינסטלערישע אייגנ-
שאפטן.

„שלאגן" די יידישע ליטעראטן אין פוילן, מאגען ביי זיי גרויסע ווערק
פון אט דעם צוריקגעשטאנענעם ארעמקן יידישן לעבן, דאס ניט קיין שום
זינען. דער געשלאגענער ווייסענבערג, אזוי דוכט זיך אונז, האט די גאנ-
צע צייט געקוקט אויף אזעלכע געזעלשאפטלעכע מאגער מיט צעשרא-
קענע אויגן פון א פשוטער הארעפאשנער פרוי, וואס ווערט געשלאגן
פון איר מאן, פארוואס זי האט „אים" קיין קינדער ניט... געקוקט מיט אט
דער שרעק אזוי לאנג ביז ער איז געווארן, ווי צעמישט. אבער פארוואס
איז אזא ווייסענבערג ניט געקומען צום שכל? פארוואס האט ער, א פאריאגטער
און צעווילדעוועטער, ביז איצט נאך אלץ ניט געזאגט אנצוווייזן אויף
דעם פאקלאשענעם לעבן פון אט דער גרויסער, גרויער מאסע און זאגן:
— וואס שלאגט איר מיך?... אט „זי"... „זי" איז שולדיק...

פארוואס האט זיין געוונטער בלינדער חש מורא געהאט צו לייד-
קענען אין „איר", ווי אין אן אפגאט, און איז בעסער איינגעגאנגען פארזיל-
דערוועט צו ווערן און בלייבן אן אייביקער שפאס-ציל פון אלערליי „קלוי-
זערלעך-ליטעראטן"?

ווייל „זי", די גרויע יידיש-קיינדיקע מאסע איז גרויס אין צאל,
זי באשטייט פון מיליאנען און איר פסיכאז זיינען נאך ביז איצט אונטער-
געווארפן ניט בלויז דער ווייסענבערג, ניט בלויז דער בעסערער טייל, וואס
אין שלום אש, נאר אפילו געזעלשאפטלעכע טוער, אפילו אייניקע פאר-
טייישע פירער און פערנאגן. דורך דעם דאזיקן פסיכאז אירן לייגט זי די
לעצטע יארן איר שטעמפל אויף דער יידישער ליטעראטור אין פוילן און
פארבלענדט, פארשטעלט פון די אויגן דעם אמתן אדרעסאט פון דער
יידישער קולטור — דעם יידישן הארעפאשניק מיטן יידישן ארבעטער, וועלכע
האבן זי געשאפן. ווי א מוטער גייט נאך איר פארבלאנדזשעטע קינד,

255

פֿאַר דעם אינטעליגענטס טעטיקייט. ז׳ האָט אים פֿון זיך פֿאַרטריבן און, אַז אַ ייִדישער שרײַבער האָט אַמאָל, ווי מיט געוואַלד, געפּרוּווט אַרײַנברענגען אַ ייִדישן אינטעליגענט אין שטעטל אַרײַן, האָט ער פֿון אים דאָרט סוף־כּל־סוף געמוזט מאַכן אָדער אַ בטלנישן חתן אָדער אַן אײַנזאַמען פּרא־אָדם.

דער דאָזיקער פֿאַקט איז געווען אַן איבעריקער סימן פֿון דער באַזונדערער „שלמותדיק־ייִדישער" פֿאַרגליווערטקייט — דער סימן פֿון אַ קאָנסערווירטן לעבן, וואָס איז „פֿולקום" און „ניטיקט" זיך ניט אין קיין שום איבערבעסערונג מצד אַ וועלכן ניט איז נײַעם פּראָגרעסיוון עלעמענט, וועלכער רופֿט זיך אינטעליגענט — ז׳ האָט זיך שוין מער ניט וואָס בײַ איר אייגענעם אינטעליגענט צו לערנען...

דער דאָזיקער פֿאַקט האָט שוין לכתּחילה באַגרענעצט די מעגלעכקייטן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור: פֿאַרן אינטעליגענט איז געבליבן ניט מער, ווי אַ נאַקעטע ליניע — אַ ליניע, וואָס האָט זייער אָפֿט געקאָנט זײַן דינאַמיש, זיגזאַגיש, נאָר ניט האָבן קיין שום פֿאַרבינדונג מיטן אַרומיקן לעבן.

דאָס אײַנטאָניקע ייִדישע לעבן האָט בכלל אונטערגערוקט דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור אַן אײַנטאָניקן גראָען מאַטעריאַל, וואָס שליפֿט אויס די פֿאַרביקייט פֿון קלאַנג, פֿאַרשמעלערט דעריבער ביז דערהויכן צו ווערן דעם ייִדישן פּראָזע־שרײַבערס דיאַפּאַזאָן און באַגרענעצט ביז גאָר זײַן אינ־מיטהון איטואַל פֿון טיפּן. אַ מיטלער קרעמער, אַן אָרעמער קרעמער, אַ רײַכער קרעמער, אַ מעקלער — אַלץ אַרום האַנדל. איינער האַלט די סחורה בײַ זיך אין דער היים, איינער האַלט זי אין דער פּעמער, איינער לויפֿט אַרום איר אייביק אַרום און קוקט זי קיינמאָל ניט אָן — אָבער אַלע געהערן צום זעלבן שטאַנד, צום זעלבן שיכט. בײַ אַזאַ מין מאַנגל אין פֿאַרביקייט האָט דער ייִדישער פּראָזע־שרײַבער זיך זייער אָפֿט געפֿילט אין דער לאַגע פֿון אַ קוכער, וועמען מען גיט טאָג־טעגלעך איינע און די זעלבע רויע שפּײַז און מען הייסט אים פֿון איר צוגרייטן אַלע טאָג אַ נײַעם מאכל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס קליינע טאַלאַנטן זײַנען בײַ ייִדן אָפּגעשטאָרבן באַלד נאָך דעם ערשטן פּראָזאַישן ווערק; בלײַבן לעבן און איבערלאָזן נאָך זיך פֿיל בעסער האָבן געקאָנט אָדער גראָטעסקן, אָדער גאָר גרויסע מײַסטער, וואָס קאָנען גוט קאָמבינירן.

שלום עליכמס ליכטיקע אויגן האָבן, צום בײַשפּיל, אין פֿאַרלויף פֿון זײַן גאַנצן לעבן געזען אויפֿן ייִדישן האָריזאָנט ניט מער ווי פֿיר טיפּן:



דעם מעקלער, דעם האָרעפּאַשניק, דעם ייִדישן יתום און די האָרעפּאַשנע ייִדישע פֿרוי. אַלע אַנדערע זײַנע טיפּן, אויסער קליינע אויסנאַמען, וואָס זײַנען ניט מאַסגעבנדיק פֿאַר זײַן שאַפֿן, — זײַנען געווען ניט קיין נײַע, נאָר אַ נײַע קאָמבינאַציע פֿונעם אַלטן טבֿיהן מיטן אַלטן מנחם־מענדלען און מיט מאָטל דעם חזנס.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דעם ייִדישן דיכטער, וועמען די אײַנטאָניקע פֿאַרגליווערטקייט פֿונעם ייִדישן לעבן האָט פֿון זיך פֿאַרטריבן, ווי זי האָט בכלל פֿון זיך פֿאַרטריבן דעם ייִדישן אינטעליגענט. דער ייִדישער דיכטער, קאָן מען זאָגן, איז געווען יענער מעיקר געטריבענער אינטעליגענט, וועלכער איז, אָנשטאָט אַוועקצוגיין אין דער פֿרעמד, אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַליין, צו זײַנע יחידישע שטימונגען — איבערהויפּט איז דאָס ריכטיק בנוגע אונזערע נײַע דיכטער אין אַמעריקע.

נאָר אַנדערע פּערספּעקטיוון האָט אָבער איצט די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד.

די איבערשיכטונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, דער אומבאַמידלעכער דראַנג צו פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס ווערט איר דיקטירט מצד די סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן אין לאַנד, פֿאַרניכטעט פֿון יאָר צו יאָר אַלץ מער די גרויע ייִדישע אײַנטאָניקייט און פֿילט אָן דאָס ייִדישע לעבן מיט אַלץ מער און מער פֿאַרבן.

רוסלאַנד איז אפֿשר ניט דאָס אײנציקע לאַנד, וואָס האָט געגעבן ייִדן גלײַכבאַרעכטיקונג. ייִדן זײַנען גלײַכבאַרעכטיקט אויך אין אַמעריקע און אויף פּאַפּיר — אויך אין אַנדערע לענדער. ייִדן האָבן תּמיד געשריִען: „מיר ווילן זײַן גלײַכבאַרעכטיקט", נאָר זייער גרעסטער טייל האָט געמיינט מיט דעם ניט מער, ווי צו פֿאַרשטאַרקן דורך דער גלײַכבאַרעכטיקונג זייערע פּאָזיציעס אַלס אַן אײַנטאָניקער סאָציאַלער הענדלער־שיכט. גלײַכבאַרעכטיקונג האָט געמיינט: קאָנען האַלטן אָפֿן די קראָם ווען מען וויל — סײַ שבת סײַ זונטאָג; קאָנען פֿרײַ אָפּגעבן די קינדער אין דער פֿרעמדער שול, אין פֿרעמדן אוניווערסיטעט, ניט האָבן אויף זיך קיין שום עול פֿון שאַפֿונג...

סאָוועטרוסלאַנד איז אָבער דאָס אײנציקע לאַנד, וואָס ניט נאָר זי גיט אויף פּאַפּיר, נאָר זי צווינגט מיט אַן אײַזערנער האַנט אין פֿילן זינען אויסצונוצן די גלײַכבאַרעכטיקונג, וואָס זי גיט. זי צווינגט אויסצוטיילן פֿון זיך אַ פּויערטום, אַן אַרבעטער־אַרמיי, שיכטן פֿון אייגענע לערער און

256

אַזוי גייט דער ייִדישער אַרבעטער אין פּוילן די לעצטע יאָרן נאָך דער ייִדישער ליטעראַטור — יענער ייִדישער אַרבעטער פֿון ביאַליסטאָק, וועלכער שיקט צו דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט זיינע בלוטיקע צוויי גילדן און שרייבט דערביי צו די פּאָר ווערטער: „איך האָב ניט אויף ברויט, נאָר איך מוז דאָך מיט עפּעס אָפּדאַנקען פֿאַר די ליכטיקע מינוטן, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט מיר אין מיין לעבן געגעבן". אין פּוילן האָבן די ייִדישיסטישע קרייזן צוזאַמען מיט ייִדישע ליטעראַטן די לעצטע יאָרן פֿאַרגעסן אָן דעם ייִדישן אַרבעטס-מענטשן, דעם אמתן באַלעבאָס פֿון דער ייִדישער שאַפֿונג און זיינען אומבאַוואוסטזיניק אַריינגעצויגן געוואָרן אינם פּראָצעס פֿון דעמאָנסטרירן דעם באַנקראָט פֿונם אַלוועלטלעכן ייִדישיזם. דערטאָגן זיי, אַז זיי האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט ווען זיי זוכן אַ צווייטער ייִדישער צענטער, וועלכער האַלט איצט אין סאַמע הייסן ברען פֿון זיין עקאָנאָמישער און גייסטלעכער איבערבויונג — דאָס וועט זיין דער אויפֿלעבנדיקער ייִדישער צענטער אין רוסלאַנד.

III

דעם בעסערן טייל פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין סאָוועטרוסלאַנד מיט דער ייִדישער סעקציע אין שפּיץ איז אויסגעפֿאַלן דער גורל צו שטיין אין נאָענטער ממשותדיקער פֿאַרבונדנקייט מיט ייִדישע מאַסן — ניט בלויז אין אידעישער פֿאַרבינדונג, נאָר פּשוט אין באַהעפֿטן זיך מיט איר דורך קאָנסטרוקטיווער אויפֿבוי-אַרבעט אין מאָמענט פֿון גרויסן איבערבראָך. שטייענדיק אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט און דורכפֿירנדיק אירע באַשלוסן, פֿירט דאָרט אָן דער בעסערער טייל פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ מיטן פּראָצעס פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע צווישן די ייִדישע מאַסן: ער לייגט דורך אַ וועג דעם ייִדישן ערד-אַרבעטער. ער העלפֿט איצט דעם ייִדישן אַרבעטער צו פֿאַרווירקלעכן זיין רעכט אויף אַרבעט אין אַלע געביטן פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער גרויס-אינדוסטריע. ער דערשלאָגט זיך פֿאַרן האַנטווערקער געוויסע בירגערלעכע פּריווילעגיעס און אין דער זעלבער צייט בויט ער איבער דעם האַנטווערקערס אינערלעכע פּסיכאָלאָגיע, פֿאַרגרעסערט זיין גייסטיקן באַגאַזש און פֿאַרהיט אים פֿון דער ווירקונג מצד דער אַרטיקער קליינבירגערלעכער אָרטאָדאָקסאַל-ציוניסטישער איינגעוואָרצלטקייט; ער שאַפֿט פֿאַר די קינדער פֿון די מאַסן ניט נאָר גוט-אויסגעשטעלטע ייִדישע שולן, וואָס דער ייִדישער פֿאָטער — אייב אַפֿילו ער חלומט נאָך ערגעץ-



וואו וועגן אַסימילאַציע — מוז ער דאָך באַווייזן די געווינטע בר-מצוקיין, האָט די גיבן זיין קינד אין לעבן, — דער בעסערער טייל אינטעליגענץ פֿאַרווירקלעכט איצט אין סאָוועטרוסלאַנד מיט דער הילף פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט די ייִדישע סאָציאַל-פּאָליטישע און נאַציאָנאַל-קולטורעלע אָנערקענונג.

פֿון אַזעלכער ממשותדיקער און גליקלעכער פֿאַרבינדונג מיט ייִדישע מאַסן האָט דער בעסערער ייִדישער אינטעליגענט יאָרנלאַנג נאָר געחלומט. שוין אָפּגערעדט פֿון דער אַמאָליקער השׂכּלה-אינטעליגענץ, וואָס האָט מיט איר „אין מאַכט ליגט מזל און ברכה" יוצא געווען די אַרבעט, וואָס איז געבונדן מיט דער מאַכט, נאָר אַפֿילו ביים תּמיד-איינגעשפּאַנטן פֿאַרטייען פֿירער האָט אַזאַ ממשותדיקע פֿאַרבונדנקייט מיט מאַסן געקאָנט זיין נאָר אַ חלום. זיין ווירקונג איז ערשטנס געווען באַגרענעצט דורך דער קליינער צאָל אָרגאַניש ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן אין יעדער שטאָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט ניט מער, ווי אַ פּאָטענציאָנעלע קראַפֿט. און אַפֿילו צווישן אָט די קליינע אַרבעטער-קרייזן איז ער, אויסער אין פֿאַרשפּיצטע פּאָליטישע מאָמענטן, געווען מער אַ מדריך אידער אַ טוער און אויסער דעם קליינעם שטריך אין דעם אַרטיקן פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין איז ער פֿאַר די מאַסן געבליבן ניט מער, ווי אַ פּעדאַגאָג, אַ צוגרייטער, אַן אינטעליגענט, וועמעס אַרבעט שטייט אַקאָרשט פֿאַר אין דער צוקונפֿט און שפּאַרט אָן ערגעץ אין זייער אַ ווייטן סאָציאַליסטישן עולם-הבא. זיין ראָלע אינם בריטן ייִדישן לעבן איז דעריבער געווען אָן אָנגעווייזנע נאָר אין די זעלטענע מאָמענטן פֿון באַזונדער-שאַרפֿן פּאָליטישן קאַמף, ווען ער איז מיטאַמאָל אויפֿגעשוואומען פֿאַר אַ גרויסן עולם מיט זיין שאַרפֿן לשון און מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעיִקייטן. וועלכע עס לוינט דאָ אויבן אָרט אויסצוניצן — אויסגענוצט נאָר אויף דערווייל און נאָכדעם גלייך אָן דעם פֿאַרגעסן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם געוויינלעכן ייִדישן פּראָפֿעסיאָנעלן אינטעליגענט, איז ער תּמיד געווען אַ דיאַגנאָס אינם ייִדישן שטעטלדיקן לעבן, זיין בילדונג האָט זי אויף אייביק אָפּגעטייט די פֿעדימער, וואָס קאָנען אים צו דער מאַסע באַהעפֿטן און האָט אים געטריבן מערסטן צו אַ פֿרעמדער סביבה, אין בעסטן פֿאַל — צו פֿרעמדלעכע אינטעליגענטישע [illegible].

דער גרויער ייִדישער קרעמערישער און קליין-שטאָטישער פּאָן, האָט אָרגאַניש אויסגעשפּיגן פֿון זיך דעם ייִדישן אינטעליגענט; די דאָזיקע מאַסע האָט אויך איר פֿאַרגליווערטער שטייגער ניט איבערגעלאָזט קיין מינדעסטן פּלאַץ

257

פון באַאַמטע, ייִדישע שולן און טעכניקומס, ייִדישע ריכטער, ייִדישע פּראָקוראָרן, ייִדישע סאָלדאַטן מיט ייִדישער מיליציע, ייִדישע אַגראָנאָמען, ייִדישע אָפּטײלונגען ביי די אוניווערסיטעטן, ייִדישע געלערנטע און פּראָפעסאָרן, ייִדישע פירער און מאַכט-האָבער. זי באַהעפט די ייִדישע אינטעליגענץ מיט דער ייִדישער מאַסע און זי צעגלידערט, זי באַאַרבעט דאָס גרויסע ייִדישע לעבן מיט אַ קאַלײדאָסקאָפּ פון פאַרבן און במילא שאַפט זי אויך די נייע ייִדישע מעגלעכקייטן פאַרן נייעם ייִדישן קינסטלער.

ערגעץ דאָרט אויף די סטעפּעס, וואָס ווערן באַוועגט מיט ייִדישע פּויערים-דערפער, ערגעץ-וואו ביי דער מאַשין אויף דער פאַבריק, אָדער אין וואַרשטאַט פונם ייִדישן האַנטווערקער וואַקסט ער שוין אַט דער נייער ייִדישער קינסטלער. נאָכגייענדיק בײַם זון-אויפגאַנג און בײַם זון-אונטערגאַנג נאָכן אַקער, פילנדיק צווישן לויפנדיקע פאַסן אײַזן און שטאָל, גייענדיק פון זיין אַרבעט אַהיים — אומעטום, וואו ער געפינט זיך, פאַרטראַכט ער זיך אויף אַ רגע און וועקט זיין אויג מיט דער אַרומיקער פילפאַרביקייט, וואָס אינם ניי-אויפבליענדיקן ייִדישן לעבן. פאַרביקע באַגײַסטערונג, געזאָגט פון אַרבעט און פון קידוש-השם פאַר וועלט-באַפרײַונג — דאָס וועט זיין דער אינהאַלט פונם נייעם ייִדישן בוך, וועלכן ער וועט אָנשרייבן — דאָס וועט זיין דער אינהאַלט פון דער נייער ייִדישער קונסט אין סאָוועטרוסלאַנד.

— נו, און חורבן?... חורבן פון ייִדישע מאַסן, וואָס פילן אין די אונטערגייענדיקע ייִדישע שטעטלעך און זיינען דורך דעם נייעם לעבן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס?

— געוויס, אויך חורבן וועט אַרום זיך דער נייער ייִדישער קינסטלער זען, אויספאַרמיידלעכן הימלשרייענדיקן חורבן — מידת-הדין, רט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָרעמקייט און נויט, שרעקלעכער הײַ-געשריי פון אומקום — דאָס אַלץ, נאָר מיט אַ פּערספּעקטיוו פון אַ נייעם יונגן אויפבליען, מיט אַ געזיכערטער האָפענונג אויף רעגלמעסיקן פּאַמעלעכן, אפשר זייער פּאַמעלעכן אויפלעבן.

סאָוועטרוסלאַנד איז אַ באַנייט קרעפטיק לאַנד, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשקלאַפן, אַ לאַנד מיט נאַטירלעכע רייכטימער, וואָס וויל און מוז זיך בויען. זי איז פול מיט בויענדיקן לעבנסלוסט, זי נייטיקט זיך אין אַנצאָליקע בויענדיקע הענט, און פאַר די [illegible] ייִדישע מאַסן, פאַר יענע



פון זיי, וואָס האָבן הײַנט אויך מיטצוהעלפן, איז דער מאָרגנדיקער טאָג אַ ליכטיקער, אַ שטראַלנדיקער.

---

דאָס נייע ייִדישע לעבן אין ראַטנרוסלאַנד וועט דאַרפן באַפרייען די ייִדישע ליטעראַטור פון איר ירושהדיקער איינזאַמקייט. אָבער נאָך פון איינער אַ פיל-שהעריגער ירושה וועט דאַרפן די ייִדישע ליטעראַטור באַפרייט ווערן.

די „ראָשטשעגע" פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווייסן אַלע, האָט פאַרמישט ניט דער ייִדישער למדן און ניט אַפילו דער געוויינלעכער ייִדישער באַלעבאָס, נאָר דער „לא יבא בקהל" — דער ייִדישער דאַמען-שניידער, דער אָרעמאַנדיקער מענטש אין די ייִדישע דינסטמיידלעך, וואָס האָבן צו דער למדנישער קולטור קיין צוטריט ניט געהאַט. דער דאָזיקער האָראָפּאַשניק האָט אין זיך נאָך געטראָגן דעם געמיש פון צוויי פאַרשיידענע עמביציעס: דער פרוונדיקער אַנהייב פונם קומענדיקן ייִדישן אַרבעטער האָט אין אים געלעבט אין שלומדיקער שכנהשאַפט מיט דעם וועלט-באַנעמען און מיט דער פּסיכאָלאָגיע פונם געוויינלעכן ייִדישן באַלעבאָס. דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען זייער לאַנג אויף דעם פאַטעלעך-וואַקלדיקן ייִדישן אַרבעטער צו וואַרטן און זי איז דעריבער זייער אָפט אַוועק צום צווייטן עלעמענט, וואָס איר אורשפּרונג האָט אין זיך געטראָגן — צום ייִדישן אָרעם-באַלעבאָס און פאַרמעגלעך-באַלעבאַטישן שיכט, וועלכער האָט זי, די ליטעראַטור, אייגנטלעך צום לעבן ניט אַרויסגערופן און האָט זי אויך זיינע פּליצעס ניט געוואָלט טראָגן. וואָרעם זיינע פּרימיטיווע סענטימענטן האָט דער דאָזיקער שיכט אָפּגעגעבן דער העברעישער שפּראַך און אַליין האָט ער זיך געצווינגען פאַר די האָר נאָכצוטאַנצן מיט אַלע פּינקטלעכקייטן דעם אַסימילאַציע-טאַנץ פון די רייכע שיכטן. די ייִדישע ליטעראַטור איז אים געווען אַן אָנגעהאַנגענע, אַ שטיף-קינד — ער וויל פון דעם אַנטלויפן, און „דאָס" לויפט אים נאָך... דער וואוקס פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז דעריבער געווען אַן אויבנאויפיקער, ווייל וואָס איז דען אַ ליטעראַטור, אויב אַפילו יענער, וואָס ווערט אין איר באַשריבן און צוליב וועמען זי ווערט געשאַפן, לייענט זי ניט און טרייסלט זיך פון איר אָפּ?...

דאָס האָט געמוזט און האָט ניט געקאָנט ניט פילן דער ייִדישער ליטעראַט. מיט פאַרקלעמטע ציין, מיט טויט-איינגעביסענע ליפּן האָט ער זיך געשטאַרקט דאָרין און געשריבן, געשריבן... געשריבן „אויף הפקר", געשריבן מיט האָפענונג, אַז „ער", דער באַלעבאַטישער ייִדישער שיכט וועט סוף-כל-סוף

258

בעסער זאָגן, „ער" וועט ענדלעך דערפֿילן, „ער" וועט פֿאַרשטיין... און די דאָזיקע פֿאַלשע האָפֿענונג אויף „ברייטע לעזער־מאַסן" האָט אומבאַמיטלעך געפֿירט דערצו, אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל דערווייל פֿאַרגעסן און פֿאַרנאַכלעסיקן איר אמת־געטרייען אַרבעטער־לייענער, וועלכער איז פֿיל קלענער אין צאָל, דערפֿאַר איז ער אָבער מיט דער שאַפֿונג פֿון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט אָרגאַניש געבונדן.

די סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן אין סאָוועטרוסלאַנד, וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט דעם מיטעלן ייִדישן באַלעבאַטישן שיכט פֿון זײַן זעלבסטצופֿרידנקייט, פֿון זײַן גלייבן אין די מאַטעריעלע גיטער, וואָס מען קען האָבן פֿון באַהעפֿטן זיך מיט אַ פֿרעמדער קולטור — די דאָזיקע סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן האָבן בכלל אויך באַפֿרײַט דעם דאָרטיקן ייִדישן ליטעראַט פֿון דער השפּעה מצד דעם דאָזיקן שיכט און פֿון די אינערלעכע התחייבֿות, וואָס ער האָט בנוגע צו אים געהאַט.

— הייסט עס, אַז אַנדערע ייִדישע שיכטן אויסער ייִדישע אַרבעטער וועלן ניט פֿיגורירן אין דער דאָרטיקער ייִדישער ליטעראַטור?

— עס דאַרפֿן און עס וועלן געוויס פֿיגורירן אויך אַנדערע ייִדישע שיכטן — זיי וועלן פֿיגורירן אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זייער וועג צו פּראָדוקטיוויזאַציע איז אַן אומפֿאַרמײַדלעכער, אויף וויפֿל זייער באַלײַכטונג איז געבונדן מיט דער באַלײַכטונג פֿונעם גרויסן וועג, וואָס פֿירט צו דער גרויסער וועלט־באַפֿרײַונג.

---

חיים מעלטמער

# סערגעי יעסענין

עס טרעפֿן טאַלאַנטן, די סאָלדאַטן, וואָס ווערן געבוירן אין דער קעפּקע. מיטן ערשטן אַרויסטריט ווערן פֿילט מען, אַז דאָס זײַנען „אָפּגעגעבענע" — זיי מוזן טראָגן דעם יאָך פֿון אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז באַרופֿן דורכצוליגן פֿאַר דער מענטשהייט אַ נײַעם וועג. און קענען דעם יאָך ניט דערטראָגן ביז סוף. טאַלאַנטן מיט צופֿיל אַנטוויקלטע ייִדישע אינסטינקטן, מיט אַ קאַפּריז „געגנעלע", וואָס מוזן מאַרשירן אונטער די ריטמישע טענער פֿון טראָמפּייטן, מוזן מעסטן זייערע טריט מיט די גלײַכמעסיקע קלאַפּ פֿון דער פּויק. דאָס זײַנען די טראַגיקער פֿונעם דור: מיט זייער מזל הייבט שוין אָן צו ריידן דער רבים, און אַליין שטאַרבן זיי אַוועק מיט אַ יהודיש־משונה טויט, איבערלאָזנדיק אַ רעצלדיקן אײַנדרוק אויך בײַ דער מאַסע, וואָס האָט זיי „אײַנגענומען".

אין היינטיקע צײַטן, אויף וויפֿל מען קען אויף צײַטן זאָגן היינט, ווערן געזונגען זייערע לידער מיט התלהבֿות אין די דבֿקות־שעהן פֿון פֿאַרצאַפּלטער בענקשאַפֿט, אָדער אין ענדע פֿון שמחות, ווען יעדער וויל האָבן אַן אייגן ניגונל, ווי אויך ווערטה צו האָבן, אָדער אויך זאָגן ווידוי. אין אַמאָליקע צײַטן אָבער איז מען אויף זיי ניט מקפּיד, מען גיט זיי די ביקס אין דער האַנט, מען אײַלט:

„גיכער!... ניטאָ קיין צײַט..."

און אַפֿילו אַז, אײַנהערנדיק זיך אינעם כאָר, אינעם גרויסן התלהבֿות פֿונעם רבים, פֿון וועלכן עס ווערט פֿרײלעך אויפֿן האַרצן, דערפֿילט מען דעם ייִדישן טאָן, וואָס צופּט בײַ דער נשמה, האָט מען קיין צײַט ניט זיי צו זאָגן:

„גיי אַהיים... וואָס טוסטו דאָ?..."

איינער פֿון אַזעלכע טראַגישע טאַלאַנטן איז סערגעי יעסענין:

וואָס איז ער, אַז דער בעל־גופֿישער בחור, דער דאָרפֿס־יונג, וואָס עס שמעקט פֿון אים מיט יונגער שקאַפֿע, מיט ברייטיקער קאָפּטע און מיט געקעלבטע בהמות? — און היינט, דאַכט זיך אַ רײַנער רוסישער דאָרפֿס־



259